- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

## גלייבן און אויסנוצען
## די אייגענע כוחות

חלק א'


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

פרשת קדושים שנת תשפ"ב לפ"ק

- גליון י -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

ע"י ידידינו הרב החסיד המפואר

# הרוצה בעילום שמו

### לרגל שמחת הכנסת בנו היקר והנחמד
### לעול התורה והמצוות בשעטומ"צ

זכות הפצת התורה יעמוד לו, שיזכו לרוות רב נחת ממנו ולאילנא רברבא יתעביד, ולחיים טובים ארוכים מתוך שלום שלוה וכט"ס

---

ולעילו נשמתם של

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה

וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה

מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה

והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# גלייבן און אויסנוצען די אייגענע כוחות

-חלק א-

## מיסודי ההצלחה - יגיעת התורה

יעדער בחור וואס געפונט זיך אין ישיבה, האט ביי זיך א שאיפה צו וואו ער וויל אנקומען און שטייגן אין עבודת ה', און יעדער איינער האט אויפגעבויעט ביי זיך א ציל צו וואו ער וויל דערגרייכן. און פארשטייט זיך מען פראבירט ארייננצולייגן כוחות - איינער מער איינער ווייניגער - כדי צו קענען אנקומען און דערגרייכן דארט וואו מען וויל אנקומען.

עס איז דא איין געוויסע נקודה וואס דארט שטעקט א גרויסע חלק פון די הצלחה פון א בחור, און טאקע דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע איבער דער נושא אויף א שטארקע פארנעם, אבער ווען מען איז מצליח צו איבער שטייגן די פראבלעם, איז דער וועג פון שטייגן און מצליח אפן פאר יעדן איינציגסטע מענטש.

דאס איז די נושא פון 'יגיעת התורה', וואס איז די שליסל פון הצלחה בתורה[א]. אבער ווען מען קוקט זיך אביסל ארום זעט מען אז די נושא

---

א אזוי עס איז שוין אויסגעשמועסט געווארן באריכות אינעם מאמר 'מעלת עבודת ה' ולימוד התורה ברציפות', אז דורכדעם וואס א מענטש מוטשעט זיך און שטארקט זיך איבער זיינע שוועריקייטן און איז זיך מייגע אין תורה, באקומט ער א געוואלדיגע השגה אין תורה, און יעדעסווארט מער וואס ער לערנט בויעט ער אויף אין זיך א העכערע השגה אין תורה.

**און** דאס איז וואס מען לערנט ארויס פון די גלות ושעבוד מצרים, ווען די אידן זענען געווען אין מצרים אונטערטעניגט אונטער די מצרים, און געארבעט ביטער שווער מיט א געוואלדיגע יגיעה, טראץ וואס זיי האבן בלויז געארבעט ווייל די מצרים האבן זיי געפייניגט און געצווינגן צו ארבעטן, און עס איז נישט געווען

**"לערנען א בלאט גמרא צוזאמען מיט מהרש"א איז כמעט ווי א פארגאנגענהייט, קוים וואס מען וועט לערנען גמרא מיט תוספות. די שווערסטע בלאט גמרא, קען מען אפלערנען אין א קארגע צוואנציג מינוט, אזוי אז די וויכטיגע חלק פון לערנען 'יגיעת התורה' איז כמעט מער נישטא"**

פון יגיעת התורה איז כמעט ווי פארגעסן געווארן בפרט אין די בעל בית'ישע וועלט. מען איז זיך קובע עתים לתורה און מען זאגט אפ א בלאט גמרא, אן די מינדעסטע יגיעה און עמילות בתורה.

אז מען זאל לערנען גמרא צוזאמען מיט מהרש"א איז כמעט ווי א פארגאנגענהייט, קוים וואס מען וועט לערנען גמרא מיט תוספות. די שווערסטע בלאט גמרא, קען מען אפלערנען אין א קארגע צוואנציג מינוט, אזוי אז די וויכטיגע חלק פון לערנען 'יגיעת התורה' איז כמעט מער נישטא.

אמאל פלעגט מען קענען זען ווי בעל בתים זענען געזיצן און געהארעוועט אין לערנען לאנגע שעות אין די ווינטער'דיגע פרייטאג צונאכט'ס, און אין די זומער'דיגע שבת נאכמיטאג, און מען האט אויסגענוצט יעדע איבריגע מינוט צו הארעווען אין לערנען, און מען האט זיך געמוטשעט מיט עמילות בתורה צו פארשטיין און גוט לערנען, אבער היינט קען מען דאס כמעט מער נישט טרעפן.

ס'איז טאקע נישט קיין קונץ צו רעדן אויף אנדערע, אבער די נושא האט זייער אסאך צוטון מיט בחורים וואס זיצן אין לערנען, די בחורים וואס זיי לערנען יא בעיון און פלאגן זיך אין תורה לאנגע שעות במשך די טאג, פאר זיי דארף מען אויסשמועסן און פארברייטערן די נושא.

---

א יגיעה פאר עבודת ה'. איז עס אבער געווען א ביטערע און שווערע יגיעה.

**און** ממילא ווען די אידן זענען שפעטער געקומען צו מתן תורה און געהערט די עשרת הדברות האבן זיי גלייך געקענט מקבל זיין די תורה, וויבאלד זיי זענען געווען געוואוינט צו א יגיעה, זיי זענען געווען געוואוינט צו ארבעטן, און לעבן מיט א קבלת עול, וואס דאס בויעט א מענטש, און דערמיט קען מען מקבל זיין די תורה און מצליח זיין.

## דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף יגיעת התורה

עס שטייט אין חז"ל (ברכות ח.) **מיום שחרב בית המקדש, אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד.** פשט דערפון איז, אז נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט פארלוירן די בית המקדש, עס איז שוין מער נישט דא קיין קרבנות, עס איז שוין מער נישט דא די געוואלדיגע נאנטשאפט וואס איז געווען צווישן דער אויבערשטער אין כלל ישראל, און דער אויבערשטער געפונט זיך אין גלות צוזאמען מיט כלל ישראל, האט דער אויבערשטער א מורא'דיגע נחת רוח און תענוג ווען א איד זיצט און לערנט און איז זיך מתייגע אין תורה, און האט נישט עפעס אנדערש ארום זיך אויסער די גמרא און הלכה וואס ער לערנט.

און אויף דעם פארלייגט דער יצר הרע גרויסע כוחות, דער יצר הרע האט נישט קיין פראבלעם עס זאל זיין אסאך ישיבות, ער האט נישט קיין פראבלעם אז עס זאל זיין אסאך ספרים איבער די גאנצע וועלט, אבער ער וועט אריינלייגן זיין גאנצע כח אז מען זאל נישט קענען זיצן און לערנען און זיין אויסגעטון פון די וועלט, און טון אלעס אויפן וועלט צו אפשטעלן די יגיעת התורה, אז מען זאל זיך נישט קענען מתייגע זיין אין תורה מיט די גאנצע כח און ברען.

דער יצר הרע האט מצליח געווען ארייננצוברענגן א געפיל אז הארעווען אויף תורה איז א שווערע זאך, ער האט געמאכט אז ס'זאל אויסזען ווי זיצן אין לערנען תורה שעות ע"ג שעות איז א שרעקעדיגע זאך, און עס איז נישט געמאכט פאר יעדעם איינעם.

**"דער יצר הרע האט מצליח געווען ארייננצוברענגן א געפיל אז הארעווען אויף תורה איז א שווערע זאך, ער האט געמאכט אז ס'זאל אויסזען ווי זיצן אין לערנען תורה שעות ע"ג שעות איז א שרעקעדיגע זאך, און עס איז נישט געמאכט פאר יעדעם איינעם".**

אבער באמת איז די תורה געגעבן געווארן פאר יעדעם איינעם, יעדע נשמה פון כלל ישראל איז געשטאנען ביי מתן

תורה און מקבל געווען די תורה פונעם אויבערשטער, און יעדער איינער האט די כח צו קענען לערנען און שטייגן[ב], נאר דער יצר הרע איז מצליח אריינצולייגן א פחד אינעם הארץ פון א מענטש אז ס'איז זייער א שווערע זאך און נישט יעדער קען דאס באווייזן.

## קליפה פון עשו - אריינצוברענגן א פחד

די יסוד פון דעם - דער פאלשע פחד וואס דער יצר הרע ברענגט אריין - דאס איז בשרשו די קליפה פון עשו הרשע. אזוי ווי מען טרעפט אין די תורה, אז נאכדעם וואס יעקב אבינו האבן מקבל געווען די ברכות פון זיין טאטע יצחק, האט ער מורא געהאט אז עשו וויל אים הרג'ענען, דעריבער איז יעקב אבינו אנטלאפן צו חרן, און איז געווען דארט פאר גאנצע 22 יאר וואס ער האט נישט געזען זיין טאטע און מאמע.

און ווי עס שטייט אין די פסוקים אז יעקב אבינו האט געדארפט איבערלאזן זיין טאטנ'ס שטוב, און אין די יארן וואס יעקב אבינו איז נישט געווען ביי זיין טאטן, האט זיך עשו דארט געדרייט און מצער געווען זיין טאטע און מאמע[ג], און אזוי אויך איז רבקה אמנו נפטר געווארן אין די צייט וואס יעקב איז נישט געווען ביי זיין טאטע אין

---

ב אזוי ווי עס איז שוין אויסגעשמועסט געווארן באריכות אינעם מאמר 'מעלת עבודת ה' ולימוד התורה ברצופות'.

ג אזוי ווי מען זעט אין פסוק (בראשית כו לד - לה) **וַיְהִי עֵשָׂו בֶּן אַרְבָּעִים שָׁנָה וַיִּקַּח אִשָּׁה אֶת יְהוּדִית בַּת בְּאֵרִי הַחִתִּי וְאֶת בָּשְׂמַת בַּת אֵילֹן הַחִתִּי, וַתִּהְיֶיןָ מֹרַת רוּחַ לְיִצְחָק וּלְרִבְקָה.** און רש"י ערקלערט דארט אויפן ארט: **כל מעשיהן היו לעצבון ליצחק ולרבקה, שהיו עובדות עבודה זרה.** און אזוי אויך טרעפט מען אין די שפעטער'דיגע פסוקים (שם כז, מו) **וַתֹּאמֶר רִבְקָה אֶל יִצְחָק קַצְתִּי בְחַיַּי מִפְּנֵי בְּנוֹת חֵת וגו'.** (שם כח, ח) **כִּי רָעוֹת בְּנוֹת כְּנָעַן בְּעֵינֵי יִצְחָק אָבִיו וגו'.**

שטוב, און זי האט נישט געהאט קיין בכבוד'דיגע לויה, און נישט געהאט ווער ס'זאל איר באגלייטן ביי איר לוי"[ד].

און נאך צוויי און צוואנציג יאר, ווען יעקב אבינו איז אויפן וועג אהיים, הערט ער ווי עשו קומט אים אנטקעגן מיט פיר הונדערט מענטשן, און יעקב אבינו האט באקומען א מורא'דיגע פחד, און האט זיך אנגעגרייט 'לדורן לתפילה ולמלחמה'.

אבער שפעטער נאך אלעס - נאכדעם וואס יעקב אבינו האט מורא געהאט פון עשו - ווען יעקב אבינו האט זיך געטראפן מיט עשו האט אים עשו געקושט און געהאלדזט, און ער האט זיך געקענט מתגבר זיין אויף די קליפה פון עשו הרע און אים מכניע זיין.

---

ד אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (פסיקתא רבתי פיסקא י"ב - זכור) אז רבקה האט באפוילן מען זאל איר באערדיגן שטילערהייט אין די טונקעלקייט פון די נאכט, וויבאלד יעקב איז נישטא איר צו באגלייטן, און זי האט נישט געוואלט ווערן פארשעמט פון עשו. וזה לשון המדרש: **שהוציאו אותה בלילה כשמתה מפניו, והיא ציותה כן, אמרה, יעקב הצדיק בני אינו כאן, יצחק הצדיק בעלי יושב בבית מפני שכהו עיניו, יוציאני ביום ויהיה רשע הזה הולך לפני מיטתי ויהיו אומרים אוי מן הדד שזה הניק, לכך ציותה להוציאה בלילה**, ע"כ.

**און** דער של"ה הק' (פרשת וישלח) שמועסט עס אויס באריכות, און איז מסביר אז דערפאר שטייט נישט ארויסגעשריבן אין די תורה די פטירה פון רבקה אמנו, וזה לשונו: **אבל יתכן לומר שלא היה לה כבוד במיתה, כי יעקב איננו שם, ועשו שונא אותה ולא בא שמה, ויצחק כהו עיניו ואיננו יוצא מביתו, ולכן לא רצה הכתוב להזכיר שיקברוה בני חת.**

**וכענין הזה מצאתי** (תנחומא, תצא ד') **בפרשת כי תצא למלחמה אמרו, אתה מוצא כשמתה רבקה אמרין מאן יפוק קמה, אברהם מת, יצחק יושב בביתו עיניו כהות, יעקב הלך לפדן ארם. יפוק עשו רשיעא קמה ויימרון ברייתא, לוטין כויא דהא כדין ינקין. מה עשו, הוציאו מטתה בלילה. אמר רבי יוסי בר חנינא, לפי שהוציאו מטתה בלילה לא פירשו הכתובים מיתתה אלא מן הצד, הדא הוא דכתיב** (בראשית לה, ח) **'ויקרא שמו אלון בכות', שתי בכיות, הדא הוא דכתיב** (שם שם, ט) **'וירא אלהים אל יעקב וגו', ויברך אתו', מה ברכו, ברכת אבלים ברכו**, ע"כ.

אבער עס שטייט אין פסוק פארדעם (בראשית לב, ח) **וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ** וגו'. און לכאורה דארף מען פארשטיין, יעקב אבינו האט נישט געהאט פון פארוואס צו מורא האבן, ער האט געהאט א קלארע הבטחה פונעם אויבערשטער אז ער וועט אים אפהיטן וואו ער וועט גיין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (כח, טו) דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר יעקב אבינו, **וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ** וגו'.

נאר די גמרא איז מסביר (ברכות ד.) **ירא שמה יגרום החטא.** יעקב אבינו האט מורא געהאט אז אפשר די חטא וועט גורם זיין אז ער זאל נישט זוכה זיין צו די הבטחה וואס דער אויבערשטער האט אים צוגעזאגט.

אבער עס ווערט נישט מבואר וואס פונקטליך איז געווען די חטא פון וואס יעקב אבינו האט מורא געהאט, נאר מען קען מסביר זיין פשט, יעקב אבינו האט מורא געהאט אז אויב יעצט ווען ער קומט צוריק, און עשו קומט אים אנטקעגן און עס וועט למעשה נישט פאסירן קיין שום שלעכט'ס, אויב אזוי קומט אויס, אז אלעס וואס ער האט געטון די לעצטע צוויי און צוואנציג יאר צוליב מורא און פחד פון עשו, האט נישט אויסגעפעלט און ער האט עס נישט געדארפט טון.

דאס אלעס אז ער האט זיך דערווייטערט פון זיין טאטנ'ס שטוב, און האט אפגעזיצן אין שטוב פון לבן, און איז נישט ביי זיין מאמע'ס לוי' איר צו מכבד זיין, האט נישט אויסגעפעלט, און די פחד פון עשו איז געווען א פאלשע פחד.

דאס איז געווען די חטא וואס יעקב אבינו האט מורא געהאט, אזוי ווי עס שטייט אין רמב"ם[ה] וזה לשונו: **וכן מצאנו ששמואל פחד משאול, ויעקב נתיירא מפגישת עשו. ואלו המידות וכו', הן מחיצות הנביאים, עליהם השלום וכו'.** מורא האבן ווערט גערעכנט ווי א חסרון, און עס איז א מחיצה וואס איז מפסיק צווישן דער מענטש און דער אויבערשטער. און דאס האט יעקב אבינו געהאלטן אז אויב וואלט ער געהאט מער

ה בשמונה פרקים להרמב"ם פרק ז' - במחיצות ועניינן, ד"ה ואין מתנאי.

אמונה און בטחון וואלט ער נישט אזוי שטארק מורא געהאט, און ער וואלט נישט געטון אלעס וואס ער האט געטון צוליב די מורא.

## לימוד וואס אונז דארפן זיך לערנען

די תורה פארציילט אונז די מעשה פון יעקב אבינו מיט עשו, ווייל די תורה וויל אונז עפעס אויסלערנען דערפון. שטעלט'ס ענק פאר, ווען מען וואלט אונז געפרעגט ווי אזוי מען זאל שרייבן אין די תורה איבער יעקב אבינו, וואס וואלטן אונז געזאגט?

לכאורה וואלט יעדער געזאגט אז מען זאל שרייבן ווי אזוי עס האט אויסגעזען ווען יעקב איז געזיצן און געלערנט אין ביהמ"ד פון שם ועבר פאר פערצן יאר רצופות, ווי אזוי עס האט אויסגעזען א ווארעמע דאווענען פון יעקב אבינו, ווי אזוי יעקב אבינו האט געפראוועט א שבת וכו'.

נישט יעדער וואלט געזאגט אז מען דארף שרייבן איבער די מחלוקת וואס ער האט געהאט מיט זיין ברודער עשו, און צו וואו ער איז אנטלאפן און וואס עס האט זיך אלס אפגעשפילט דורכאויס די יארן.

נאר וואס דען, פארשטייט זיך אליינס אז אונז האבן נישט קיין מינדעסטע השגחה אין די הייליגע אותיות התורה, עס איז הייליגע צירופים און שמות וסודות הק' וואס אונז האבן נישט קיין שייכות דערצו.

אבער דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, דאס איז וויבאלד ער וויל אז אונז - פשוט'ע מענטשן - זאלן זיך אויסלערנען דערפון, ווי אזוי אונז זאלן זיך פירן אין עבודת ה', אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (תנחומא ט') "מעשה אבות סימן לבנים", אלעס וואס שטייט אין

---

ו הובא ברש"י (בראשית לב, ט). ועיין עוד ברמב"ן (שם יב, ו) וזה לשונו: אומר לך כלל תבין אותו בכל הפרשיות הבאות בענין אברהם יצחק ויעקב, והוא ענין גדול, הזכירוהו רבותינו בדרך קצרה, ואמרו (תנחומא ט') כל מה שאירע לאבות סימן לבנים, ולכן יאריכו הכתובים בספור המסעות וחפירת הבארות ושאר המקרים, ויחשוב החושב בהם כאלו הם דברים מיותרים אין בהם תועלת, וכולם באים ללמד על העתיד, כי

די תורה וואס עס האט פאסירט מיט אונזערע עלטערן, איז חלילה נישט איבריג, יעדע זאך וואס האט פאסירט קומט צו לערנען פאר אונז - זייערע קינדער - ווי אזוי זיך צו פירן.

די לימוד וואס אונז קענען זיך ארויסלערנען פון די מורא וואס יעקב אבינו האט געהאט פון עשו, וואס צוליב דעם איז ער אנטלאפן קיין חרן, און דאס וואס צום סוף ווען ער טרעפט זיך מיט עשיו האט זיך אלעס אויסגעלאזט מיט גארנישט, עשיו קושט אים וכו', און דאס האט געוויזן אז די גאנצע מורא פון עשיו איז געווען א אנשטעל וואס עשיו האט געמאכט אבער באמת איז עס געווען א פחד של שווא.

דאס לערנט אונז איבער די פאלשע פחדים וואס זענען דא ווען עס קומט צו עבודות ה', אז דאס איז די קליפה וואס קומט פון עשו, דאס איז א קליפה וואס שלאגט זיך מיט די צד הקדושה, מיט יעקב אבינו און אלע זיינע דורות, אבער באמת – ווי מ'זעט ביי עשיו - איז עס נישט מער ווי א דמיון וואס דער יצה"ר שטעלט אוועק.

**"די לימוד וואס אונז קענען זיך ארויסלערנען פון די מורא וואס יעקב אבינו האט געהאט פון עשו, איז איבער די פאלשע פחד און מורא וואס עשו לייגט אריין, וואס דאס איז די קליפה וואס קומט פון עשו, און דאס איז א קליפה וואס שלאגט זיך מיט די צד הקדושה, מיט יעקב אבינו און אלע זיינע דורות"**

## די עיקר פחד שטעלט דער יצר הרע קעגן יגיעת התורה

און מען זעט אז די קליפה פון עשו האט נישט קיין פראבלעם מיט גארנישט, עס איז נישטא קיין שוועריקייטן היינטיגע צייטן מיטן אויפבויען ישיבות און כוללים, עס איז נישטא קיין שוועריקייטן צו האבן ספרים וכדומה.

אבער ווען עס קומט צו יגיעת התורה, ווען עס קומט צו הארעווען אין לערנען,

---

כאשר יבוא המקרה לנביא משלשת האבות יתבונן ממנו הדבר הנגזר לבא לזרעו, עכ"ל.

מאכט ער עס אויסזען ווי ס'איז זייער שווער צו טון, און די קליפה פון עשו לייגט אריין א פחד אז מען זאל מורא האבן דערפון, און טאקע דערפאר זעט מען ווי שווער עס איז אין כלל ישראל די חלק פון עמל ויגיעת התורה.

און טאקע דאס איז די חשיבות פון א ישיבה בחור, וואס געפונט זיך בין כותלי הישיבה און זיצט און הארעוועט אין לערנען, ער שטרענגט זיך אן צו פארשטיין און קענען לערנען, און דאס איז דער ריכטיגער אפטייטש פון די אויבנדערמאנטע חז"ל, "אין להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה בלבד", דער אויבערשטער האט נאר דער וואס זיצט און לערנט תורה און איז אויסגעטון פון די וועלט, און וויל אמת'דיג און ריכטיג פארשטיין די תורה.

אויף דעם פארלייגט זיך דער יצר הרע זייער שטארק, ער מאכט עס אויסזען שווער, ער מאכט ס'זאל אויסזען אז ס'איז נישט געמאכט פאר יעדעם איינעם, און נישט יעדער איינער קען דאס באווייזן, און ס'איז זייער א שווערע זאך צו טון.

אבער באמת איז דאס א פאלשע פחד פון עשו וואס ער שטעלט אן, יעדער איינער פארמאגט אין זיך מורא'דיגע כוחות וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, און יעדער איינער וואס איז געשטאנעם ביי מתן תורה פארמאגט אינעווייניג אין זיך די כוחות צו קענען הארעווען אין לערנען, און יעדער קען באזיגן די עשו וואס שרעקט אים אפ און מאכט עס אויסזען אוממעגליך.

און ווען מען פארשטייט די נקודה, אז יעדער איינער האט די כוחות, און מער פארשטייט אז דער יצר הרע טוט דאס פארשטעלן מיט א פאלשע פחד, דעמאלטס קען מען אויסשטייגן בלי גבול וערך, ווייל מען איז מער נישט צוגעבינדן צו די ווייניג כוחות וואס מען מיינט אז מען האט, מען קען אנהייבן צו שטרעבן אויף אסאך העכער פון וואס מען מיינט אז מען קען דערגרייכן, און מען קען הייבן די שאיפה און ציל צו אסאך העכער.

און פארשטייט זיך, אז אויב מען הייבט אויף די שאיפות, און מען פאנגט אן צו שטרעבן אויף אסאך מער, און מען ווייסט אז מען האט

פיל מער כוחות פון וואס מען מיינט אז מ'האט, דעמאלט'ס איז מען זוכה זיך צו מתגבר זיין אויף די כוחות הקליפה, און מען איז זוכה צו מצליח זיין אין תורה און אין יראת שמים.

## מען קען מעסטן די חשיבות לויט די שוועריקייטן

און מען קען מעסטן די וויכטיגקייט און חשיבות פון א זאך לויט די שוועריקייטן וואס דער יצר הרע שטעלט אונטער, אויב מען זעט אז דער יצר האט זיך באזונדער פארלייגט אויף דעם, פארשטייט מען אז דאס איז עפעס וואס שטערט זייער שטארק פאר'ן יצר הרע, און ממילא ווייסט מען אז די חשיבות פון דעם איז זייער גרויס אין הימל.

בפרט ווען עס קומט צו די בחורי קודש, הייליגע בחורים וואס זענען אויסגעטון פון די וועלט און זיצן אין לערנען די תורה בקדושה וטהרה, דאס שטערט אסאך מער דער יצר הרע, און ער פארלייגט זיך אויף זיי אסאך מער.

אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוכה נב.) **כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו**, אלץ גרעסער דער מענטש איז, אלץ גרעסער איז זיין יצר הרע, וויבאלד פון דארט שעפט דער יצר הרע זיין יניקה. ער האט גארנישט פון זיך פארלייגן אויף איינער וואס איז סתם אזוי א בעל עבירה און איז נישט מקיים קיין מצות, ווייל יענער איז שוין ממילא זיין'ס, און נישט פון דארט קען ער האבן זיין יניקה[ז].

---

ז אזוי ווי מען האט שוין מאריך געווען אינעם מאמר 'מעלת עבודת ה' ולימוד התורה ברצופות', אז אזוי ווי מען זעט א מאסקיטא וועט נאר זוכן צו צאפן זיסע בלוט, דאס זעלבע איז מיט דער יצר הרע, ער וועט זיך נישט פארלייגן אויף סתם א פויער אדער א ליידיג-גייער, וויבאלד פון זיי וועט ער גארנישט באקומען, נאר ער וועט דוקא זוכן דער ערליכער בחור, און דארט ווערט ער פראבירן צו באקומען חיות. אזוי ווי עס שטייט אין ספרים הק' אז דער נאמען פונעם סיטרא אחרא איז ס"מ - א"ל, וויבאלד דער ס"מ באקומט זיין יניקה און חיות פון א"ל דאס הייסט פון רוחניות, דעריבער פראבירט ער זיך צו פארלייגן אויף די ערליכע אידן און באקומען פון זיי יניקה און חיות.

דעריבער זאגן אונז חז"ל אז די יצר הרע פארלייגט זיך אסאך מער אויף גרעסערע מענטשן, בפרט ווען עס קומט צו תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוכה נב.) **ובתלמידי חכמים יותר מכולם**[ח], דער שטן פארלייגט גרויסע כוחות, און יעדע פגם פון א תלמיד חכם איז פיל שטערקער פון סתם א מענטש, וויבאלד דאס געבט מער כח פאר די סטרא אחרא.

און אויף יעדע טריט און שריט דארף מען זיך שטארקן און וויסן אז מען האט די כוחות עס צו באווייזן, און יעדער איינער קען אנקומען, און יעדע ביסל וואס מען טוט רוקט מען זיך אביסל מער פאראויס ביז מען איז זוכה צו דורכברעכן די פחד וואס דער יצר הרע שטעלט אראפ, און מען גייט ארויס פון די גבול וואס מען געפונט זיך און אזוי קען מען אויסשטייגן זייער הויך.

## ס'איז נישט קיין חיזוק, ס'איז אמת!

דאס אלעס וואס מען רעדט איז נישט בלויז חיזוק ווערטער וואס מען זאגט דא, דאס איז אמת לאמיתו של דבר, יעדער איינער האט באמת ביי זיך די כוחות צו קענען שטייגן און אויסוואקסן, די פראבלעם איז אז מען נעמט אן די ווערטער ווי נאך אביסל חיזוק, אבער ס'איז נישט קיין חיזוק, ס'איז אמת.

יעדער איינער וואס האט פראבירט צו אנקומען און איז למעשה נישט אנגעקומען צו אויסשטייגן ווי אזוי ער האט געוואלט, איז וויבאלד ערגעץ ווי אינמיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט און געטראכט אז

ח די גמרא דארט ברענגט דער פסוק אין נביא (יואל ב, כ) **וְאֶת הַצְּפוֹנִי אַרְחִיק מֵעֲלֵיכֶם וגו' וְעָלָה בָאְשׁוֹ וְתַעַל צַחֲנָתוֹ כִּי הִגְדִּיל לַעֲשׂוֹת.** דרש'ענט די גמרא: **ואת הצפוני ארחיק מעליכם** - זה יצר הרע, שצפון ועומד בלבו של אדם וכו', **ועלה באשו ותעל צחנתו** - שמניח אומות העולם ומתגרה בשונאיהם של ישראל. **כי הגדיל לעשות** - אמר אביי, **ובתלמידי חכמים יותר מכולם.**

אפשר איז עס נישט פאר מיר, אפשר האב איך נישט די כוחות צו מצליח זיין, און איך גיי נישט קענען אויסשטייגן.

אבער אויב וואלט מען אמת'דיג געגלייבט אין זיך, און מען וואלט געגלייבט אין די אייגענע כוחות, וואלט יעדער איינער מצליח געווען, אזוי ווי עס איז באקאנט די ווערטער פון תוספות (כתובות סג.), אז ווען כלבא שבוע האט געוואלט מתיר נדר זיין, אויף די נדר וואס ער האט געמאכט אויף זיין טאכטער אז זי טאר נישט הנאה האבן פון זיין פארמעגן וויבאלד זי האט חתונה געהאט מיט רבי עקיבא.

**"יעדער איינער וואס האט פראבירט צו אויסשטייגן און האט למעשה נישט מצליח געווען ווי אזוי ער האט געוואלט, איז וויבאלד ערגעץ ווי אינמיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט און געטראכט אז אפשר איז עס נישט פאר מיר, אפשר האב איך נישט די כוחות צו מצליח זיין, און איך גיי נישט קענען אויסשטייגן"**

האט רבי עקיבא אים געפרעגט, אויב וואלסטו געוואוסט אז ער גייט אויסוואקסן א תלמוד חכם וואלסטו געמאכט דער נדר, האט ער געענטפערט זיכער אז נישט, און רבי עקיבא האט אים מתיר געווען זיין נדר.

פרעגט תוס' דארט אויפן ארט (ד"ה אדעתא), **והלא אסור לפתוח בנולד?** מען קען נישט מתיר נדר זיין אויף א זאך וואס איז נאך נישט געווען פארהאן בשעת מען האט געמאכט דער נדר, און בשעת כלבא שבוע האט געמאכט די נדר איז רבי עקיבא נאכנישט געווען א תלמיד חכם און האט נאכנישט געקענט לערנען.

ענטפערט תוספות, **ויש לומר דהכא לא חשיב נולד כיון שהלך לבי רב, דדרך הוא בהולך ללמוד שנעשה אדם גדול.** עס הייסט נישט אז עס נאכנישט פארהאן, וויבאלד רבי עקיבא האט שוין דעמאלטס געהאט אין פלאן צו גיין לערנען, און דער סדר איז אז ווער עס גייט לערנען וואקסט אויס א אדם גדול.

לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב דער סדר איז אז דער וואס גייט לערנען וואקסט אויס א אדם גדול, וואו זענען אלע גדולים היינט? פארוואס וואקסט נישט יעדער איינער א אדם גדול?

נאר דער פשט איז, אז ווען מען זאגט פאר איינעם דו האסט די כוחות צו וואקסן א תלמיד חכם, נעמט ער דאס ווי א שטיקל חיזוק און גייט ווייטער, אבער אויב וואלט ער דאס אנגענומען ווי א אמת'ע זאך, אז ער האט באמת די כוחות און ער קען באמת אנגעקומען, דעמאלטס וואלט ער זיכער אויסגעשטיגן.

און דאס איז געווען ביי דער הייליגער תנא רבי עקיבא, ווען - רחל - די טאכטער פון כלבא שבוע האט אים געזאגט, איך זע אין דיר גרויסע כוחות, און זי האט דאס נישט געזאגט בלויז צו געבן חיזוק און געגאנגען ווייטער, נאר זי איז אפילו געווען גרייט צו חתונה האט מיט אים, ווייל זי זעט אין אים גרויסע כוחות. דאס האט געוויזן פאר רבי עקיבא אז ס'איז טאקע אזוי באמת נישט נאר חיזוק, און אזוי האט ער אויסגעשטיגן[ט].

און דאס איז וואס יעדער איינער דארף נעמען פון די ווערטער, ס'איז נישט קיין חיזוק, ס'איז באמת אזוי, און מען דארף גלייבן אין זיך אז מען האט טאקע די כוחות צו אויסשטייגן, און מען וועט מצליח זיין צו אויסנוצן די כוחות, און קענען לערנען מיט א יגיעת התורה און נישט ווערן געשטערט פון ארום און ארום, און מען וועט זוכה זיין אויסצופירן בשלימות די שאיפת החיים, און דערמיט איז מען זוכה צו מקרב די גאולה השלימה במהרה בימינו אמן.

---

ט והארכנו בזה במאמר 'עבודה מומשכת', אז אויב וועט מען טאקע אנפאנגן צו גלייבן אין זיך אז מען האט די ריכטיגע כוחות אויס צו וואקסן, וועט מעןווירקליך אויסוואקסן, און עס איז הייסט נישט קיין 'נולד', עס איז א זאך וואס איז שוין יעצט דא מיט זיכערקייט.